

# דעם רבינ'ס מעשיות

**גליון 269**
**בא תשפ"ו**

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## שְׁוֶועריגְקַייטְן וָואס מַאכְן שְׁטַייגְן

**דֶער אָרִימַאן וָואס אִיז גֶעוָוארְן קֵייזֶער אִיבֶּערְן גַאנְצְן וֶועלְט, נָאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט דֶעם בֶּערְגֶערְ'ס זוּן צוּם טוֹיט מֵיינֶענְדִיג אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַן עֶרְלֶעדִיגְטֶער, הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען זוּכְן שִׁידוּכִים פַאר זַיין טָאכְטֶער. אָבֶּער דִי טָאכְטֶער פוּנֶעם קֵייזֶער אִיז גֶעוֶוען גֶעטְרַיי צוּ אִיר אֶמֶתְ'ן חָתָן - דֶער זוּן פוּנֶעם בֶּערְגֶער.**

**זִי פְלֶעגְט שְׁפִּילְן מוּזִיק, אוּן וֶוען אָנְגֶעטְרָאגֶענֶע קַאנְדִידַאטְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט אִיר, הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט דוּרְךְ זִינְגֶען אוּן שְׁפִּילְן אַ שֵׁיינֶעם לִיד, אָבֶער פַאר אַלֶעמֶען הָאט זִי גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם לִיד 'אָבֶּער עֶס זֶענֶען נִישְׁט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר דִי זִיבְּן וַואסֶערְן'... קֵיינֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס זִי מֵיינְט דֶערְמִיט.**

**דֶערְוַוייל, אִיז דֶער בֶּערְגֶערְ'ס זוּן גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיינְס אִין וַואלְד, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט פַארְשִׁידֶענֶע מוּזִיקַאלִישֶׁע אִינְסְטְרוּמֶענְטְן פוּן שְׁטִיקְלֶעךְ הָאלְץ, אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אוּנְטֶערְזִינְגֶען. עֶר הָאט בַּאהַאלְטְן דָאס צֶעטְל וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן אִיר אִין אַ בּוֹים, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ סִימָן צוּ וִויסְן וואוּ עֶס לִיגְט. אָבֶער צוּ זַיין גְרוֹיס וֵוייטָאג, הָאט אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט צוּבְּרָאכְן אַלֶע בֵּיימֶער, אַזוֹי אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְקֶענֶען אִין וֶועלְכֶע בּוֹים עֶס לִיגְט.**

אוֹיפְן בַּאלְקָאן אִין שׁוּל, אִיז דָוִדְ'ל אַרוֹיס אוֹיף אַ גֶעשְׁמַאקְן שְׁמוּעֶס מִיט זַיין זֵיידֶע ר' שְׁמוּאֵל. "בָּרוּךְ הַשֵּׁם, עֶנְדְלִיךְ פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין דִי גַאנְצֶע פֶּרֶק ג' ", הָאט דָוִדְ'ל גֶעזָאגְט. "וִויפִיל אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְשְׁטֵיין אִין כִּתָּה, אוּן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען זִיךְ אוֹיסְצוּהֶערְן, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. אַצִינְד, ב"ה, אִין זְכוּת פוּן דֶעם וָואס מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִינְאֵיינֶעם, פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין אַלֶעס!".

"דוּ זֶעסְט דָוִדְ'ל מַיינֶער", הָאט אִים דֶער זֵיידֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט, גְלֶעטְנְדִיג זַיין שְׁנֵיי-וַוייסְן בָּארְד "דוּ בִּיסְט זֵייעֶר טַאלַאנְטְפוּל, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְן אַסַאךְ פַארְשְׁטַאנְד צוּ קֶענֶען גוּט לֶערְנֶען 'לְהָבִין לְהַשְׂכִּיל לִשְׁמֹעַ לִלְמֹד וּלְלַמֵּד', אָבֶער צוּמָאל, דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן עֶטְלִיכֶע מָאל..."

דָוִדְ'ל שְׁפִּירְט זִיךְ זִיכֶער, אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אָפְנְהַארְצִיג פַאר זַיין זֵיידֶע: "צוּמָאל, שְׁפִּיר אִיךְ אַנְדֶערְשׁ ווִי מַיינֶע חֲבֵרִים, עֶס אִיז מִיר פָּשׁוּט שְׁוֶוער. זֵיי הָאבְּן גְרוֹיסֶע אוּן קְלֵיינֶע בְּרִידֶערְס, אוּן אִיךְ - וָואס הָאבּ אִיךְ? צְוֵויי קְלֵיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְקֶעס... מִיר הָאבְּן אַ קְלֵיינֶעם הוֹיז, צוּשְׁטוּפְּט אוּן נִישְׁט מְסוּדָר, טַאטִי אוּן מַאמִי זֶענֶען כִּמְעַט נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, אוּן וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים פוּן חֵדֶר, אִיז דִי שְׁטוּבּ גֶעוֶוענְדְלִיךְ לֵיידִיג. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִיט וֶועמֶען צוּ שְׁפִּילְן, אוֹיסֶער פוּן צוּ גֵיין צוּ אַפָּאר חֲבֵרִים".

אוּן נִישְׁט נָאר דָאס. דוּ וֵוייסְט - זֵיידִי - וואוּ אִיךְ שְׁלָאף בַּיינַאכְט? אוֹיף אַ מַאטְרַאץ וָואס לִיגְט אִין קָאךְ... וָואס זָאל אִיךְ טוּן? מַיין מַאמֶע זָאגְט אֵייבִּיג אַז עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען אַ טָאג וָואס עֶס גֵייט אוּנְז בְּרֵייטֶער וֶוערְן, אָבֶער דָאס גֵייט שׁוֹין אָן פַאר זֵייעֶר אַסַאךְ צַייט - זֵייעֶר זֵייעֶר אַסַאךְ צַייט... אוּן דָארְטְן שְׁלָאף אִיךְ זִיךְ אַלֵיינְס אָן קֵיין בְּרִידֶערְס, אוּן כִּמְעַט אָן צוּ זֶען טַאטִי אוּן מַאמִי". זוּדִיגֶע טְרֶערְן רִינֶען פוּן זַיינֶע אוֹיגְן, אוּן עֶר אָטֶעמְט טִיף אַרַיין פְּרוּבִּירְנְדִיג צוּ בַּאהַאלְטְן זַיין טִיפְן וֵוייטָאגְלִיכְן גֶעוֵויין.

אַ בְּרֵייטֶע שְׁמֵייכְל דֶערְזֶעט זִיךְ אוֹיפְן זֵיידְנְ'ס שְׁטְרַאלְנְדְן גֶעזִיכְט, אוּן פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער שֶׁעפְּט דָוִד פִיל כֹּחַ זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן. "דוּ זָאלְסְט וִויסְן מַיין דָוִדְ'ל, אַז דִי שְׁוֶועריגְקַייטְן וָואס דוּ הָאסְט אִין לֶעבְן, דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן שְׁטַייגְן אוּן בְּלִיעֶן. דִי עֶלְנְדְקַייט אוּן שְׁוַואכְקַייט, וֶוען דוּ וֶועסְט זִיךְ מְחַזֵּק זַיין דֶערְמִיט, קֶענְסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסְן צַדִּיק, אַזוֹיוִוי דִי שְׁוֶועריגְקַייטְן וָואס זֶענֶען אַרִיבֶּער אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, דָוִד הַמֶּלֶךְ, אוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק. עֶס זֶענֶען אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי דִי 'זִיבְּן וַואסֶערְן אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין בִּיטֶערְנִישׁ אוּן עֶלְנְדְקַייט'. אָבֶער דַוְקָא פוּן אָט דֶעם שְׁוֶוערְן נִסָּיוֹן, זֶענֶען זֵיי אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אוּן גֶעוָוארְן צַדִּיקִים אוּן קְדוֹשֵׁי עֶלְיוֹן.

"גֶעדֶענְק: אַזוֹיוִוי עֶס אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן קֵייזֶערְ'ס וַוייבּ דִי זִיבְּן עֶרְלֵיי וַואסֶערְן, אַזוֹי אוֹיךְ וֶועלְן דַיינֶע שְׁוֶועריגְקַייטְן אַרַיינְבְּלָאזְן אִין דִיר פֶעסְטֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ עֶרְפָאלְגְרַייךְ פַארְמֶעסְטְן אִין לֶעבְּן - מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף".



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י' - פוּן דֶער בֶּעְרְגִיר מִיטְן אָרִימַאן (5)

**און דֶער קֵיסָר.** נָאךְ דֶעם אַז סֶע אִיז שׁוֹין גִיטָאן גִיוָוארְן דֶער מִשְׁפָּט אִין דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן און עֶר אִיז אִים שׁוֹין פָּטוּר גִיוָוארְן (וָוארְן דֶער קֵיסָר הָאט גִימֵיינְט אַז מֶען הָאט טַאקֶע בֶּאֱמֶת אַזוֹי גִיטָאן דֶעם מִשְׁפָּט אִין דֶעם בָּחוּר און עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף דֶער וֶועלְט נִיט דָא) **הַיינְט** קָאן עֶר שׁוֹין אַ שִׁידוּךְ טָאן מִיט זַיין טָאכְטֶער.

**הָאט מֶען אִיר אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ רֵיידְן שִׁידוּכִים.** מִיט דֶעם מֶלֶךְ און מִיט דֶעם מֶלֶךְ. און עֶר הָאט אִיר גִימַאכְט אַ הוֹיף אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז. און זִי אִיז דָארְט גִיזֶעסְן. און זִי הָאט זִיךְ גִינוּמֶען פַּאנֶעס שְׂרָרוֹת טֶעכְטֶער זֵיי זָאלְן מִיט אִיר זַיין. און זִי אִיז דָארְט גִיזֶעסְן. **און זִי פְלֶעגְט שְׁפִּילְן אוֹיף כְּלֵי שִׁיר** אַזוֹי וִוי זֵייעֶר סֵדֶר אִיז.

**און וָואס מֶע הָאט אִיר גִירֶעט שִׁידוּכִים.** הָאט זִי אַלְץ גִיעֶנְפֶערְט. אַז זִי ווִיל נִיט קֵיין רֵייד דְהַיְינוּ מֶע זָאל רֵיידְן דֶעם שִׁידוּךְ. נָאר עֶר זָאל אַלֵיין קוּמֶען (דְהַיְינוּ דֶער וָואס עֶר ווִיל זִי נֶעמֶען) און זִי הָאט זֵייעֶר וואוּיל גִיקָאנְט חָכְמַת הַשִּׁיר (דְהַיְינוּ דִי חָכְמָה מֶע זָאל רֵיידְן זֵייעֶר שֵׁיינֶע לִידֶער מִיט גְרוֹיס חָכְמָה).

**און זִי הָאט גִימַאכְט** מִיט מְלָאכוֹת אֵיין אָרְט. וָואס עֶר זָאל אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיף דֶעם אָרְט (דְהַיְינוּ דֶער וָואס עֶר ווִיל זִי נֶעמֶען) און עֶר זָאל זִיךְ שְׁטֶעלְן אַ קֶעגְן אִיר. און עֶר זָאל רֵיידְן אַ שִׁיר. דְהַיְינוּ אַ שִׁיר שֶׁל חֵשֶׁק אַזוֹי וִוי אַ חָשׁוּק רֶעט צוּ זַיין חְשׁוּקָה (דְהַיְינוּ רֵייד פוּן לִיבְּשַׁאפְט).

**זֶענֶען גִיקוּמֶען מְלָכִים** זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין. און זֵיי זֶענֶען אַרוֹיף גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם אָרְט. און זֵיי הָאבְּן גִירֶעט אִיטְלִיכֶער זַיין שִׁיר. הָאט זִי אַ טֵייל אַרוֹיס גִישִׁיקְט אַ תְּשׁוּבָה דָארְךְ אִירֶע פַּאנֶעס. אוֹיךְ מִיט אַ שִׁיר און מִיט לִיבְּשַׁאפְט. און אַ טֵייל וָואס זֵיי זֶענֶען אִיר מֶער גִיפֶעלְן. הָאט זִי זֵיי אַלֵיין גִיעֶנְפֶערְט.

**און זִי הָאט** אוֹיפְגִיהוֹבְּן אִיר קוֹל מִיט אַ שִׁיר. און זִי הָאט אִים גִיעֶנְפֶערְט אוֹיךְ רֵייד פוּן לִיבְּשַׁאפְט. און צוּ אַ טֵייל וָואס זֵיי זֶענֶען אִיר נָאךְ בֶּעסֶער גִיפֶעלְן הָאט זִי זִיךְ אַלֵיין אַרוֹיס גִיוִויזְן פָּנִים אֶל פָּנִים. און זִי הָאט אַרוֹיס גִיוִויזְן אִיר פָּנִים. **און זִי הָאט אִים גִיעֶנְפֶערְט אַ שִׁיר מִיט לִיבְּשַׁאפְט.** און צוּ אַלֶע הָאט זִי אַלְץ אוֹיס גִילָאזְט צוּם סוֹף. **דִי וַואסֶערְן זֶענֶען אָבֶּער אִיבֶּער דִיר נִיט אַרִיבֶּער גִיגַאנְגֶען.** און סֶע הָאט קֵיינֶער נִיט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס זִי מֵיינְט.

**און אַז זִי הָאט אַרוֹיס גִיוִויזְן אִיר פָּנִים** פְלֶעגְט מֶען אַנִידֶער פַאלְן מַחְמַת גְרוֹיס שֵׁיינְקֵייט. און אַ טֵייל זֶענֶען גִיבְּלִיבְּן חַלָשׁוֹת און אַ טֵייל זֶענֶען מְשׁוּגָע גִיוָוארְן מַחְמַת חוֹלַת אַהֲבָה מַחְמַת אִיר גְרוֹיס שֵׁיינְקֵייט וָואס סֶע אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר ווִילְד גִיוֶוען. און פוּן דֶעסְטְוֶועגְן פָארְט חָאטְשֶׁע זֵיי זֶענֶען מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן און זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן חַלָשׁוֹת. פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט פְלֶעגְן מְלָכִים קוּמֶען אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִיר. און זִי הָאט זֵיי אַלֶע אַזוֹי אָפּ גִיעֶנְפֶערְט כַּנַ"ל.

**און דער זון פון דעם בערגער** הנ"ל. איז זיך דארט געזעסן אויף דעם ארט (הנ"ל) און ער האט זיך דארט געמאכט איין ארט צו זיצן דרינען. און ער איז זיך דארט געזעסן. און ער האט אויך געקאנט שפילן און ער האט געקענט חכמת השיר. האט ער זיך אויסגעקליבן האלץ וואס מע קאן דרויס מאכין כלי שיר (דהיינו כלים וואס מע שפילט אויף זיי) און ער האט זיך געמאכט כלי שיר. און פון די אדערן פון די חיות האט ער זיך געמאכט סטרינעס.

**און ער פלעגט זיך צו שפילן.** און ער פלעגט נעמען **דאס כתב** וואס ער האט געהאט וואס זי האט אים געשיקט (דעמאלט אז ער איז געווען אין דער שביה) און ער האט זיך געזונגען און געשפילט און ער האט זיך דערמאנט וואס מיט אים האט זיך איבער געטאן. און ווי דער פאטער איז געווען **א בערגער** וכו' **און היינט** איז ער אהער פארוואָרפן געוואָרן.

**און ער איז געגאנגען** און האט גענומען **דאס כתב** און האט זיך געמאכט א סימן אין א בוים. און ער האט דארט אין דעם בוים געמאכט איין ארט. און האט דארט דאס כתב באהאלטן. און ער איז דארט געזעסן א צייט.

**אמאל איז געווען** א גרויסער שטורעם ווינט. און ער האט צו בראכן אלע ביימער וואס זיי זענען דארט געשטאנען. האט ער נישט געקאנט דערקענען דעם בוים וואס ער האט דארט באהאלטן **דאס כתב**. ווארן אז די ביימער זענען דארט געשטאנען אויף זייער ארט. האט ער געהאט א סימן צו דערקענען. אבער **היינט** אז זיי זענען איין געפאלן. **איז דער בוים פארמישט געוואָרן** צווישן די איבעריקע ביימער וואס סע איז דארט געווען זייער פיל האט ער שוין ניט געקענט דערקענען דעם בוים און דאס איז ניט געמאלט אז מע זאל אויף שפאלטן אלע ביימער און מע זאל זוכן **דאס כתב** ווארן סע געווען זייער פיל ביימער. האט ער זייער געוויינט און ער האט זיך זייער מצער געווען.

**און ער האט פארשטאנען** אז ער וועט דא זיצן וועט ער בוודאי משוגע ווערן מחמת גרויס צער וואס ער האט געהאט.

**האט ער זיך מיישב געווען** ער מוז אוועק גיין ווייטער. און וואס סע וועט זיך שוין מיט אים טאן לאז זיך טאן. גיין אוועק מוז ער. ווארן ער איז זיך שוין בלויז מסוכן זייער מחמת גרויס צער.

**און ער האט זיך גענומען** פלייש און פירות אין א זאק אריין. און ער איז געגאנגען ווי הין ער וועט גיין. און ער האט זיך געמאכט סימנים אין דעם ארט וואס ער איז פון דארט אוועק געגאנגען.

**און ער איז געגאנגען** ביז ער איז געקומען צו איין ישוב. **האט ער געפרעגט** וואס פאר א מדינה איז דאס. האט מען **אים געענטפערט**. האט ער **געפרעגט**. אויב מע הערט דא פון דעם קיסר. (הנ"ל). האט מען אים **געענטפערט. יוא.** האט ער **געפרעגט**. אויב מע הערט דא פון זיין טאכטער די יפת תואר. **האט מען אים געענטפערט. יוא.** לושמיר סע קאן זיך קיינער מיט איר ניט משדך זיין (כנ"ל ווארן זי וויל ניט כנ"ל)



נאמען: ___________

# לאמיר זיין פארהערן



## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן אריםמאן (5)

**א. האט דער קיסר געוואוסט דער אמת אויב דער זון פון בערגיר לעבט?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ ער איז געווען מסופק

**ב. וועלכע שידוכים האט מען אנגעהויבן רעדן פאר די טאכטער פון קיסר?**
- ☐ מיט קעניגן
- ☐ חשובע הערן
- ☐ גרויסע עשירים

**ג. וואו איז די טאכטער פון קיסר געזיצן מיט אירע חבר'טעס?**
- ☐ אין א קעניג'ליכן פאלאץ וואס מ'האט איר געבויט
- ☐ אין איר מאמע'ס הויז
- ☐ אין א חצר וואס איר טאטע האט פאר איר געמאכט

**ד. וואס האט די טאכטער פון קיסר דארט געטאן?**
- ☐ געמאלעוועט בילדער
- ☐ געזונגען
- ☐ געשפילט אויף כלי שיר

**ה. וואס האט זי גענטפערט אויף אלע שידוכים וואס מ'האט איר פאר געלייגט?**
- ☐ איך וועל זיך איבער טראכטן
- ☐ איך וועל פרעגן דער קיסר
- ☐ אבער די זיבן וואסערן זענען דיר ניט איבער געגאנגען

**ו. ווער האט פארשטאנען וואס דאס מיינט?**
- ☐ אלע קעניגן
- ☐ נאר איין קעניג
- ☐ קיינער האט נישט פארשטאנען

**ז. וואס האט דער זון פון בערגיר געטאן אין מדבר?**
- ☐ ער האט זיך געמאכט א ארט (פלאץ) דארט צו זיצן
- ☐ ער האט זיך געמאכט כלי שיר
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואו האט ער באהאלטן די כתב וואס ער האט באקומען פון די טאכטער פון קיסר?**
- ☐ אין א בוים
- ☐ אין א הייל
- ☐ אין א גרוב אין דער ערד

**ט. פארוואס האט ער זיך מיישב געווען אז ער מוז אוועק גיין פון די מדבר?**
- ☐ ווייל ער האט נישט געהאט וואס צו עסן
- ☐ ווייל די בוימער זענען געווארן אויסגעמישט, האט ער שוין נישט קיין שאטן
- ☐ ווייל ער וועט משוגע ווערן פון צער אז ער האט נישט די כתב

**י.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ איינמאל
- ☐ צווימאל
- ☐ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

וועלכע זאך איז דער בן הבערגיר געראטן צו די בת קיסר?

## תשובות אויף די מעשה פון דער בערגיר מיטן ארימאן (4)

ביי וועלכע נאך מעשה ווערט דערמאנט אז איינער איז געגאנגען אין מדבר?

**ביי מעשה א' - דער משנה למלך - ביי מעשה י"א דער אמת'ר בן המלך - דער בן השפחה**

דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com